# **<u>פרשת בשלח - יתרו ה׳ - י״ח שבט תשע״ה לפ״ק</u>**

***<u>יום רביעי פרשת בשלח</u>***

אחר מעריב ביקר **רבינו שליט״א** אצל **כ״ק האדמו״ר מקאליש שליט״א** (פלעטבוש), בדירתו בפאלם ספרינגס.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**האדמו״ר מקאליש:** מיין זיידע **רבי איתמר מנדבורנא** איז געווען זייער נאנט מיטן **בית ישראל**, דער **גערער רבי**. איינמאל האט דער זיידע געשיקט א שליח, אז ער וויל קומען אויף א באזוך. האט דער **גערער רבי** געזאגט, אז אין צוויי שעה ארום קען מען קומען. דערווייל איז אין די צוויי שעה געקומען דער **גערער רבי** צו לויפן. איך וואלט אויך אזוי געדארפט צו טון.

**רבינו:** אייער פאטער **(הגה״צ רבי ישכר בער ראזענבוים זצ״ל האדמו״ר מסטראזניץ)** ליגט אויפן הר הזיתים?

**האדמו״ר מקאליש:** יא. דער זיידע רבי איתמר און זיינע קינדער ליגען דארט. דער נאדבורנא רבי פון בני ברק, און מיין טאטע ז״ל, און דער זוטשקא רבי, און דער נדבורנא חדרה רבי.

**רבינו:** דער טאטע איז אוועק דאהי, און מען האט אים אהין געטראגען?

**האדמו״ר מקאליש:** יא. ער האט געהאט א זכות, ער האט נישט געוואלט אז מען זאל אים לייגען מיט די פעקלער, נאר מען זאל אים טראגען אויבן. האט מען אים געזאגט, אזא זאך קען נישט זיין. האט ער געזאגט, וועט עס קאסטען פינף און צוואנציג טויזנט דאלער. למעשה האט זיך רבי מענדל רייכבערג ז״ל אריינגעלייגט אין דעם, און ער האט געארבעט אז מען זאל אים ארויפטראגען אויבן. און ער האט זיך פארבינדן מיט די פרעזידענט פון אל על, און ער האט מסכים געווען. מען האט אפגעדינגען דעם גאנצן ערשטע קלאס, און מען האט אהין געלייגט דעם ארון. און די גאנצע צייט האט א גוי נישט צוגערירט צום ארון. נאר די קינדער זענען געווען דארט צוזאמען. דער פליגער איז געפארן קיין דייטשלאנד, און אלע מענטשען זענען דארט אראפגעגאנגען, און נאכדעם איז דער פליגער געפארן נאר מיט אונז אליין קיין ארץ ישראל. און עס האט טאקע געקאסט אזוי סאך וויפיל ער האט געזאגט.

**וכיבד את רבינו במיני מזונות ויין**

**האדמו״ר מקאליש:** לחיים טובים ולשלום, מיר זאלן אלע זיין געזונט און שטארק.

**רבינו:** דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען מרביץ תורה זיין, און מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט אסאך יונגע כוחות.

**האדמו״ר מקאליש:** דער זכות אבות זאל מגין זיין.

**רבינו:** מיין טאטע ז״ל פלעגט צו פארציילן, אז זיין זיידע, זיין פאטער׳ס פאטער **(הגה״צ רבי יונתן בנימין כ״ץ זצ״ל)**, האט געוואוינט אין די שטאט טשענגער. און רבי **מרדכי נאדבורנער** איז אמאל געווען דארט אויף שבת. ער איז ארויסגעפארן ערב שבת נאכמיטאג, און ער איז געפארן אין איין וואגען, און די חפצים זענען געפארן אין א צווייטע וואגען, ער האט געוואלט פארען צו א צווייטע שטאט, און די חפצים זענען אנגעקומען אויפן צווייטען שטאט, און ער איז אראפגעבליבען אין טשענגער אויף שבת, אן די בגדי שבת. און ער האט געבעטן א שטריימעל אויף שבת. האט מען אים געזאגט, אז אין די גאנצע שטאט איז נישט דא א שטריימעל. האט ער געבעטן, אז מען זאל אים מאכען סיי וואס מען קען, ער מוז האבען א שטריימעל אויף שבת. און די זיידע ז״ל האט אים פארשאפט א געוויסע קאפל, און מען האט גענומען א פאר שוואפען, און מען האט עס ארויפגעהאנגען, און דאס איז געווען זיין שטריימעל. און ער האט נישט געקענט גענוג מכיר טובה זיין, אז מען האט אים צוגעגרייט א שטריימעל[א].

---

[א] בסוף קונטרס **חלק יונתן** (דברי תורה מאת **הגה״צ רבי יונתן בנימין כ״ץ זצ״ל**) מובא הסיפור וזה לשונו: פעם אחת היה בדעתו של **הרה״ק רבי מרדכי מנאדבורנא זי״ע** לנסוע לשבת קודש לאיזה מקום [אולי היה לטערצאל] ודרכו היה שלקח עמו תמיד כל כליו ובגדיו בהרחבה שיספיק גם להכנסת אורחים, ואפילו מנורות עפר לנרות הרבים שהיה רגיל להדליק, ומעות וכרות מטתו שלא השתמש כי אם בשלו, וספריו שלמד בהם וכו׳, ומכל אלה נתמלא עגלה מליאה וגדושה. והנה **הרה״ק מנאדבורנא זי״ע** היה דרכו לנסוע רק בערב שבת קודש אחר חצות עם איזה אנשים (באמרו שאז האויר זך והוא יכול לנסוע) והרבנית עם החפצים היה שולח מקודם לפניו, כדי שיהא הכל מוכן לפניו כשיגיע. אמנם בזאת הפעם אירע דבר פלא, שלא הגיע למחוז חפצו מסיבת איחור הזמן בערב שבת קודש, והוכרח להישאר בעיר טשענגער על שבת קודש. כמובן שלא היה עמו כלום מחפציו שנשלחו מקודם, וגם בלי הבגדי שבת שלו, ובמיוחד הצטער הרה״ק על שלא היה לו שטריימעל ללבוש ליום השבת, וגם לא היה ממי לשאול, מאחר שבכל העיר לא היה אף שטריימעל אחד.

**האדמו"ר מקאליש:** ער האט געמיינט לשם מצוה, האט ער נישט געקוקט צו עס איז יא שיין, אדער נישט. די היינטיגע שטריימלעך, ווען עס איז נישט אזוי שיין, וואלט א האלבע עולם נישט געגאנגען מיט שטריימלעך. אין יוראפ זענען נישט געגאנגען מיט א שטריימעל, נאר די רבנים און די דיינים און די שוחטים.

**ונפרדו לשלום**

*

***שבת קודש פרשת בשלח***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. – בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין פרשת הַמָּן. אחר כך כיבד **רבינו שליט"א** את הר"ר **משה אונגאר** הי"ו (שיכון סקווירא) בברכת המזון.

***יום ראשון פרשת יתרו***

אחר מעריב הגיע **כ"ק האדמו"ר מקאליש שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א** בדירתו בפאלם ספרינגס.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מקאליש:** עס קומט יעצט חמשה עשר בשבט, עס איז גרויסע טעג.

**רבינו:** ראש השנה לאילנות.

**האדמו"ר מקאליש:** עס שטייט אין די משנה (ראש השנה ב.) ראש השנה לאילן, דאס מיינט מען דעם אתרוג (עיין **בני יששכר** שבט ב-ב). מען דארף מתפלל זיין אויף א שיינעם אתרוג, און אויף א שיינעם הארץ, אתרוג דא לבא (ויק"ר ל-יד).

**רבינו:** די סוחרים האבען איינגעפלאנצט אתרוגים דא אין פאלם ספרינגס. דער בעל הבית פון די דירה (הרבני החסיד רבי **שלמה צבי שפיטץ** הי"ו) האט אויך איינגעפלאנצט אן אתרוג בוים דא אין הויף, עס וואקסט נאכנישט דערויף, אבער מען האפט אז עס וועט וואקסען. עס נעמט צייט ביז עס וואקסט ארויס, קודם פלאנצט מען עס איין אין א שיסל, און ווען עס ווערט גרעסער דארף מען עס איבערשטעלן. רוב הדסים פון קאליפארניע קומען אויך פון פאלם ספרינגס. רבי ישראל שווארץ (סוחר אתרוגים) האט אויך אפגעקויפט דא א פעלד, און ער האט איינגעפלאנצט לולבים. הונדערטער לולבים קומען שוין יעצט פון דא. יעצט ווען עס איז שמיטה, נעמט מען די לולבים פון דא.

**האדמו"ר מקאליש: רבי מרדכי'לע נאדבורנער זצ"ל** פלעגט צו זאגען, אז א לולב דארף זיין לאנג ניין טפחים. ווייל די חוט פון ציצית דארף זיין צוויי מאל אזוי ווי די גדיל, און אזוי ווי די הדסים דארפן זיין דריי טפחים, דארף די לולב זיין צוויי מאל אזוי לאנג, ניין טפחים. און ער זאגט, אז דאס איז פון די הלכות וואס איז פארגעסן געווארן בשעת די הסתלקות פון משה רבינו (עיין תמורה טז. - הובא בספר **מאמר מרדכי** החדש עמוד קלו אות ה'). - 'אמת' איז בגימטריא במספר קטן 'ניין', עס זאל משפיע זיין אמת. ביי אונז אין די משפחה האט מען גענומען א לולב וואס איז ניין טפחים. מען נעמט מער געלט פאר דעם.

**רבינו:** ווען איר וועט זאגען אז איר דארפט א קליינעם לולב, וועט ער נעמען פאר דעם מער געלט... דער וואס דארף מיט א פיטום, רעכענט

---

בעת ההוא גר בטשענגער הגאון החסיד **רבי יונתן בנמין כ"ץ זצ"ל** נכד בן אחר בן **להגה"ק המקובל רבי נפתלי כ"ץ זצוק"ל** אב"ד פויזנע בעל מחבר ספר **סמיכת חכמים**, והרה"ק התאכסן אצלו, ורבי יונתן בנימין בראותו צער של הרה"ק כי רב הוא, טכס עצה והשתדל במרוצה בעוד יום לקרוא לחייט אחד, וכפי פקודת הרה"ק נעשה כעין שטריימעל, ממה שדבקו ותפרו לאיזה כובע י"ג חתיכות רחבים מעורות עזים שהיה בנמצא שם, וגם נעשה כשיעור אשר צוה הרה"ק, ועל ההוצאות של רבי יונתן בנימין. בשטריימעל הזה הלך הרה"ק בשבת קודש, וכמובן שהיה מראהו מוזר מאוד, והרה"ק בעצמו אמר אחר כך 'תוכלו לשער לפניכם איך שהרגשתי כשכולם הסתכלו עלי שלבוש אני בשטריימעל כזה, אבל לא עלה על דעתי שאפשר ליהודי לילך בשבת קודש ללא שטריימעל על ראשו ח"ו'. ואותו השטריימעל שלבש הרה"ק באותו שבת, לקח הרה"ק עמו כשהלך משם, ובנשואין של בנו מוהר"ר ישכר בער זצ"ל היה שם מנהג פוילן, כשהחתן והכלה יוצאים מהחופה רוקד כנגדם בדחן עם שני חלות בידיו, והרה"ק הלביש את הבדחן באותו השטריימעל, כדי לשמח החתן והכלה ע"כ.

ובספר **ויגד משה** (על ליל הסדר סימן ל' אות ב') הובא, שבאותו שבת היה שמחת ברית מילה ונתכבד הרה"ק להיות סנדק, ורבי יונתן בנימין היה המוהל, ואמר אז הרה"ק לרבי ינותן בנימין, הלא אתם מוהל, והעולם אומרים שאליהו הנביא זכור לטוב בא לכל ברית מילה, אבל אינו כן, לזה צריך זכותים, והבעל ברית והמוהל והסנדק צריכין להיות יראי ה' שיזכו לזה, (ומרומז כן **בדרכי משה** יו"ד סימן רס"ד ס"ק ג'), אך בברית שאני הסנדק, בא תמיד. ופעלתי זה, על ידי שבימי נעורי שהייתי עני מאד, והתגוררתי בפוילן שאין מצוי שם יין ולוקחים יין צימוקין לד' כוסות, ופעם בליל פסח הרהרתי בדעתי, היות שיש לנו הזכיה שאליהו הנביא זכור לטוב בא לביתנו פעם אחת בשנה בליל פסח, אין נאה לכבדו בכוס יין צימוקין, אלא צריכים לכבדו בכוס יין משובח. ומאז התחלתי לקבץ לקמצים פרוטה אחר פרוטה במשך השנה, וממש שהוצרכתי לקמץ במאכלים שאכלתי, כי הייתי בדחקות גדול, עד שסמוך לפסח כבר היה לי סכום הגון, וקניתי כוס מיין טאקא"י היותר משובח לכוס של אליהו. על כן הוא עושה לי גם כן חטיבא, שבמקום שאני סנדק, שם בא תמיד אליהו הנביא זכור לטוב ע"כ.

ער פארן פיטום. און דער וואס דארף אזוי, רעכנט ער פאר דעם. דאס איז דאך זיין פרנסה, און יעדער פאר זיין פרנסה געבט אים דער אייבערשטער שכל.

די פלאץ דא איז א רואיגע פלאץ.

**האדמו"ר מקאליש:** עס איז צניעות'דיג אויך.

**רבינו:** עס איז א פלא, א גאנצע שטאט פון גוים, און עס זאל זיין אזוי צניעות'דיג. אזויפיל סווימינ"ג פאל"ס, און אלע זענען פארמאכטע. דער רבונו של עולם האט געוואלט, אז עס זאל זיין א פלאץ ווי יודען זאלן קענען קומען.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מקאליש:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלן צוריק פארן געזונטערהייט.

**רבינו:** דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק, מיט אסאך פרישע כוחות, און קענען דינען דעם אייבערשטען מיט הרחבת הדעת.

**האדמו"ר מקאליש:** **רבי מרדכי נאדבורנער** פלעגט האבען א יוד, וואס פלעגט אים אלעמאל ברענגען א אתרוג אויף סוכות. אמאל איז ער אדורכגעפארן א דארף ווי עס איז געווען א רב, און דער רב האט אים געזאגט, איך האב נישט קיין אתרוג, און איך האב נישט וואו צו קויפן, פארקויף מיר דעם אתרוג, און דו פארסט דאך קיין בושטנא, קויף פארן רבי אן אנדערן אתרוג אין בושטנא. האט ער אזוי געטון, און ער האט געקויפט אן אנדערע אתרוג, און ער האט עס געברענגט פארן רבי. ווען ער האט עס געברענגט פארן רבי, זאגט אים דער רבי, דאס איז נישט מיין אתרוג. האט ער געזען אז ער קען נישט מאכען קיין חכמות, איז ער צוריקגעפארן צום רב, און ער האט אים געזאגט, איך וועל דיר געבען אן אנדערע אתרוג, און געב מיר צוריק דעם אתרוג וואס איך האב דיר געגעבן. האט ער עס צוריקגעגעבן. ווען ער האט עס געברענגט פארן רבי, האט דער רבי געזאגט, אה, דאס איז מיין אתרוג. וועסטו מיינען אז דאס איז רוח הקודש, זאג איך דיר אז ניין. נאר חמשה עשר בשבט ווייזט מען פאר יעדעם וואס פאר אן אתרוג ער וועט האבען. און מען האט מיר אויך געוויזען, און איך האב געזען, אז דאס איז נישט וואס מען האט מיר געוויזען.

**רבינו:** זיי האבען געהאט גוטע אויגן.

**האדמו"ר מקאליש:** אבער עס איז נישט געווען רוח הקודש[ב].

**רבינו:** מען ברענגט צו, אז איינע פון די צדיקים פלעגט יעדען חמשה עשר אויסזאגען גאנץ תהלים אז ער זאל האבען א שיינען אתרוג. און איין יאר האט מען אים געשטערט, און ער האט נישט געקענט גומר זיין, און ער האט נאר געזאגט האלב תהלים. האט ער שפעטער יום טוב געוויזען, אז א האלבע זייט פונעם אתרוג איז געבליבן שיין, און די אנדערע העלפט איז געווען פארפלעקט.

**האדמו"ר מקאליש:** אתרוג איז א פרי עץ הדר, און די גמרא (סוכה לה.) דרשנ'ט, הדר באילנו משנה לשנה. עס שטייט אין די ספרים, אז געווענליך ווען עס קומט צו גיין ראש השנה, און מען טוט תשובה, ווען עס גייט אדורך, זאגט ער, א מחיה, עס איז שוין אראפ א עול פון קאפ. נעמט מען א אתרוג וואס איז דר משנה לשנה, צו ווייזען אז עס דארף בלייבען, און מען דארף עס מיטנעמען אויף א גאנץ יאר.

**רבינו:** יעדע פרי האלט זיך נישט נאר זומער, אבער ווינטער איז נישט דא קיין פירות אויפן בוים. אבער אן אתרוג האלט זיך אין אלע צייטן, ווייל א צדיק האלט זיך אין אלע צייטן, זומער, ווינטער, קעלט, און היץ, אלעס לעבט ער איבער.

**ונפרדו לשלום**

---

[ב] יצויין בזה מה שסיפר **רבינו שליט"א** בעת עריכת הבאטע בליל שבת קודש פרשת יתרו העעל"ט, ששמע מדודו **הגה"צ מלאנדסבערג זצ"ל**, איך שרבו **הגה"ק בעל המהרש"ג מסעמיהאלי זצ"ל** התאונן פעם על ירידת הדורות ושפל המצב שאנו נמצאים בתוכו, ואיך רחוקים אנחנו במרחק רב מדרכי הצדיקים הקודמים, ונקט לדוגמא מדריגת רוח הקודש, כי נעלם וכמוס הוא בדורינו אלה. ובמעמד ההוא היה שם איש אחד, וכאשר שמע דברים הללו מפורש יוצא מפי רבינו, הגיב ואמר, הן בעיניו ראה איך שרוח הקודש הופיע בבית מדרשו של **הרה"ק רבי מרדכי מנאדבורנא זי"ע**, ומעשה שהיה כך היה, שבאה אצלו אשה אחת עם שני ילדים להתברך מברכת קדשו, שיגדלו הנערים וילכו בדרכי טובים, והרה"ק הנ"ל הניף ידו הטהורה על ראש האחד והאציל לו ברכתו הטהורה, אבל להילד השני סירב ולא רצה לברכו, ובמאמר פיו הילד הזה בן הנדה הוא ואינו ראוי לברכה. והאיש המספר כאשר סיים דבריו, ענה ואמר האין זה רוח הקודש ברורה, ולמה יאמר רבינו כי אין מדריגת רוח הקודש בימינו אלה. והשיב לו **המהרש"ג זצ"ל**, לא, אין זה מדריגת רוח הקודש רק עין טובה, שיכול להרגיש בעיניו הטהורים אם שורה קדושה על הדבר ההוא אם לאו, ורוח הקודש גופיה הוא מדריגה גבוהה וגדולה יתירה מזה. והוסיף **המהרש"ג**, גם אני בימי נעורי הייתי יכול להבחין בין כלי הנטבל לכלי שלא טבלו, ואין זה רוח הקודש (הובא **בשמן ראש** חלק תשיעי במדבר דף י').

***יום שני פרשת יתרו***

אחר תפלת מעריב הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הגה"צ רבי יעקב יהוסף ראטענבערג האדמו"ר מקאסאן שליט"א** (9 עוו.) במעונו בפאלם ספרינגס.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מקאסאן:** דאס איז א נייע דירה.

**רבינו:** איך זעה אז עס איז דא אינדרויסן פירות ביימער, מן הסתם איז עס נאך ערלה.

**האדמו"ר מקאסאן:** ערלה אין חוץ לארץ איז נאר הלכה למשה מסיני, און ספק ערלה איז מותר (עיין שו"ע יו"ד סימן רצ"ד סעיף ח' וט').

**בן האדמו"ר מקאסאן:** נטע רבעי גייט אויך אן אין חוץ לארץ?

**רבינו:** עס איז א מחלוקת צו מען דארף עס אויסלייזען, ווייל נטע רבעי מעג מען עסן, מען דארף עס נאר ארויפטראגען קיין ארץ ישראל, און היינט איז נישט דא ווי עס ארויפצוטראגען (שו"ע שם סעיף ז').

**האדמו"ר מקאסאן:** דעם שבת איז א גרויסע שבת, **רבי אייזיקל זידיטשובער** זאגט, אז דער שבת איז נאך גרעסער פון קבלת התורה אליין. ער איז עס מסביר, ווייל אלעס ווענט זיך אינעם שבת, און וועגן דעם האט מען געגעבן די מצוה פון שבת אין מרה, כדי קבלת התורה זאל האבען א שבת פאר זיך. ממילא איז שבת פרשת יתרו, דער שבת פון קבלת התורה. און ער זאגט נאך צו, אז דא ליינט מען כפי הסדר, און קבלת התורה איז נישט לפי הסדר (עיין בספר **אמרי יוסף** פ' יתרו ד"ה והר סיני).

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **שינאווער רב**, אז ער איז אמאל געווען ביים פאטער פרשת יתרו אדער ואתחנן, און ער האט געשפירט א געוואלדיגע הארה בשעת מען האט געליינט די עשרת הדברות. האט ער געטראכט, אז אויב ביים טאטען קוקט אזוי אויס אין שבת, איז כל שכן שבועות. ווען ער איז געקומען אויף שבועות, האט ער נישט געשפירט דעם הארה וואס ער האט געהאט שבת.

**האדמו"ר מקאסאן:** רבי משה ווייס, דעם קלויזענבורגער רב'ס מחותן, האט מיר דערציילט, אז דער **קאסאנ'ער רב** זצ"ל (בעל **אור מלא**) איז אמאל געווען אין נייפעסט שבת פרשת יתרו, און די עשרת הדברות איז געווען ביי אים גאר דערהויבן, און זייט דעמאלטס איז ער זיבן יאר געפארן פרשת יתרו און שבועות קיין קאסאן.

**רבינו:** דער **קאסאנ'ער רב** איז געווען אש להבה.

**האדמו"ר מקאסאן:** רבי משה ווייס איז אינדערהיים געפארן קיין מונקאטש, און ער האט מיר דערציילט, אז דער **מונקאטש'ער רב** האט אים געפרעגט, ווי האסטו מקבל געווען די תורה?

**רבינו:** מען ברענגט צו פונעם **ליסקער רב**, דער **אך פרי תבואה**, אז אמאל שבועות ביים טיש, האבען די חסידים געשמועסט צווישן זיך, אז עס שטייט אין **קדושת לוי** (פ' יתרו), אז אויב מען איז זוכה, קען מען הערן קולות וברקים, אזוי ווי ביים מעמד הר סיני. האט זיך איינער אנגערופן, מען מיינט נישט קולות וברקים ממש, עס איז נאר א דמיון. מען איז זיך אזוי מתעצם, כאילו מען שטייט ביים מעמד הר סיני, און מען האט אזא מחשבה ווי קולות וברקים. און דער **ליסקער רב** האט געהערט דעם שמועס, און ער פלעגט נישט צו רעדן שבת און יום טוב נאר לשון הקודש, האט ער זיך אנגערופן, 'לא לא, קולות וברקים ממש, אני יודע שהוא כן'. עס איז קולות וברקים ממש (עיין **בשמן ראש** ח"ו דף שס"ב).

**האדמו"ר מקאסאן:** די ספרים הק' טייטשן, ויעמוד העם מרחוק, ומשה נגש אל הערפל, אשר שם האלקים (שמות כ-יח), אז עס שטייט אין מדרש (מכילתא בשלח יד) ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, וואס איז פשט. ברענגט זיי בדרך משל, א מלך האט גערופן זיינע עבדים אז זיי זאלן קומען צו זיין פאלאץ. ווען די פשוטע עבדים זענען אנגעקומען צו די ערשטע טיר, זענען זיי פארגאפט געווארן, און זיי זענען געבליבן דארט שטיין, ווי קען נאך זיין שענער. אבער די בעלי דעת זענען געגאנגען ווייטער. ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, ווייל ביי יחזקאל איז עס נישט געווען קיין ראיה (עיין בסידור **כתר נהורא** על פסוק זה א-לי ואנוהו, בשם **הבעל שם טוב הק'**). טייטש מען מיט דעם, ויעמוד העם מרחוק, ווען דאס פאלק האט געהערט די קולות וברקים, האבען זיי זיך אפגעשטעלט, אבער ומשה נגש אל הערפל, משה איז בחינת דעת, איז ער צוגעגאנגען נענטער.

דער **סאטמארער רבי זצ"ל** האט געטייטשט מיט דעם, 'תאיר ארץ מכבודך', ווען עס וועט לעתיד ביי די גאולה השלימה אראפקומען א הארה פון אויבן,

'נגילה ונשמחה בך', וועלן מיר זיך פרייען מיטן באשעפער אליין (עיין **בדברי יואל** בשמחת תורה אות לב).

**רבינו:** מען זאגט נאך פון איינע פון די **תלמידי הבעל שם טוב**, וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק (שמות כ-טו), מען קען זיך שאקלען, אבער עס איז נאך נישט טייטש וועו מען שאקלט זיך, אז מען איז צוגעקומען צו עפעס. זיי זענען נאך אלץ געשטאנען פון דערוויייטענס.

**האדמו"ר מקאסאן:** דער **אורח לחיים** (פ' יתרו) טייטשט, ולא תעלה במעלות על מזבחי, אשר לא תגלה ערותך עליו (שמות כ-כג). מזבחי איז דאך עבודה. דו זאלסט נישט האלטן אז דאס איז דיין מעלה, אשר לא תגלה ערותך עליו, כדי מען זאל נישט באקוקען, צו דו ביזט ראוי צו נישט.

**רבינו:** ווילאנג בלייבט איר דא.

**האדמו"ר מקאסאן:** דער עולם האלט אז איך זאל בלייבען ביז נאך שקלים. דער רב פון בית המדרש (חב"ד) האט מיר געזאגט, אז אויב איך וועל דאווענען פארן עמוד, לאזט ער זאגען די יוצרות.

**רבינו:** איך בין שוין געווען דא שקלים, אפאר יאר צוריק.

**הר"ר יואל פייערווערקער:** שחרית האבען מיר געדאווענט אינדרויסן אביסל פריער, און ביי מוסף איז דער רב צוגעגאנגען צום עמוד.

**רבינו:** דעם ערשטן מאל האט דער רב פונעם בית המדרש דא, געהאט צוטון מיטן **באבוב'ער רב, רבי שלמה זצ"ל**. דער **באבוב'ער רב** איז אמאל דא געווען שבת שקלים, און ער האט אים געבעטן רשות צו זאגען יוצרות, און ער האט נישט געקענט מעיז פנים זיין, האט ער אים געגעבן רשות. אבער ער איז געווען צורודערט אז ער האט משנה געווען די מנהג פון בית המדרש. האט ער נאך שבת געלאזט אנפרעגן ביים **ליובאוויטשער רבי זצ"ל**. האט ער אים גע'ענטפערט, אז ווען עס קומט אן אדם גדול, און ער פארלאנגט עס, זאל ער נאכגעבן, אבער נאר ווען ער דאווענט אליין פארן עמוד.

**וכיבד את רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען מרביץ תורה זיין, און מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, און עס זאל גרינג אנקומען.

**האדמו"ר מקאסאן:** איינער איז אמאל געקומען צום **סאטמאר'ער רבי זצ"ל**, און ער האט געבעטן, אז זיין בחור ווערט בר מצוה, און דער רבי זאל אים אנוואונטשען אז ער זאל וואקסען און שטייגען בתורה. זעהט אויס אז דער רבי האט געקענט דעם בחור, האט אים דער רבי געזאגט, מען זאגט ביים דאווענען רבי ישמעאל אומר, 'בשלש עשרה', ווען מען ווערט בר מצוה, איז קודם 'מדות', און נאכדעם איז 'התורה נדרשת'.

**רבינו:** די וועלט זאגט נאך פונעם **בעל שם טוב הק'**, פארוואס שטייט נישט דער ענין פון מדות אין די תורה. ווייל מען קען נישט אנהייבען די תורה, נאר אז מען האט שוין די מדות. די תורה איז שוין מיט א מדריגה ווייטער.

**האדמו"ר מקאסאן:** דער **רבי ר' זושא** איז אמאל געקומען אין א שטאט, און ער איז ארומגעגאנגען פאר פדיון שבויים, ווען ער איז אריין אין בית המדרש, האט אים איינער געזאגט, דו ווייסט נישט וואס עס שטייט אין די משנה (פאה א-א) ותלמוד תורה כנגד כולם, גיי צו די וואס בטל'ן די צייט. האט אים דער **רבי ר' זושא** געזאגט, איר קענט נישט פשט אין די משנה. אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא, ואלו הן, כיבוד אב ואם, וגמילת חסדים וכו', און נאך די אלע זאכען איז ותלמוד תורה כנגד כולם. ווען עס איז דא די פריערדיגע זאכען, נאכדעם איז תלמוד תורה כנגד כולם.

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **צאנזער רב**, אז ער האט אמאל געשיקט אן ארימאן, אז ער זאל גיין צו איינעם פון די חסידים, אז יענער זאל אים ארויסהעלפן מיט געלט. און יענער האט געזאגט, אז ער האט נישט קיין צייט, ער דארף לערנען. איז ער צוריקגעקומען צום **צאנזער רב**, און ער האט געזאגט, אז יענער יוד האט אים נישט געוואלט העלפען, און ער האט געזאגט, אז ער איז פארנומען, ער לערנט. שפעטער ווען דער יוד איז געווען ביים **צאנזער רב**, האט אים דער **צאנזער רב** געזאגט, עס שטייט אין פסוק צוויי מאל 'איש'. ביי יוסף שטייט (בראשית לז-טו) וימצאהו איש, און עס גייט ארויף אויף גבריאל (תנחומא וישב ב). און נאכדעם געפונט מען ויאבק איש עמו (בראשית לב-כה), און עס איז געווען דער שרו של עשו (ב"ר עז-ג). דא שטייט איש און דא שטייט איש, פארוואס איז עס דא גבריאל, און דא איז עס דער שרו של עשו. זאגט אים דער **צאנזער רב**, ווען מען טרעפט

יענעם און מען פרעגט אים מה תבקש, וואס דארפסטו, וואס קען איך דיר העלפען, דאס איז מלאך גבריאל. אבער ווען מען בעהט פון איינעם, בענטש מיך, און ער ענטפערט, איך האב נישט קיין צייט דיך צו בענטשען, איך דארף גיין זאגען שירה, דאס איז שרו של עשו.

**ונפרדו לשלום**

*

***יום שלישי פרשת יתרו***

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט"א** למעונו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

*

***יום רביעי פרשת יתרו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למסיבה מפוארה שנערכה במיוחד לאנ"ש הנדיבים בעם, שתרמו מהונם להרחבת ושיפוץ בית מדרשנו והמקוה בקהלתנו הק' בוויליאמסבורג, באולם המפואר 'טערעס ביי די ברידזש'.

סביב שלחנות ערוכים כראוי וכיאות, ברוב פאר והדר, נתיישבו התומכים החשובים, כשבראש המסובים יושב רועינו הנאמן **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** אשר בשילוב עם המסיבה, ערך שלחן הפירות לכבוד היום חמשה עשר בשבט.

לאחר שנטל **רבינו שליט"א** ידיו להסעודה, ובירך על האתרוג ומיני פירות, פתח יושב ראש המעמד הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו את המסיבה, וכיבד את הרב **יוסף יצחק יעקובסון** שליט"א להשמיע מדברותיו. בין פרק לפרק הנעימו חבורת המשוררים ממיטב נגינתם לכבוד המאורע ולכבוד היום. אחר כך זכו לשמוע דברות קודש מאת **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

אחר שנשמעו דבר הבנין מאת הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו, עברו כל המשתתפים לפני **רבינו שליט"א** לחתום שטר שותפות, ולקבל מטבע ברכה וסל מלא פירות.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** וויל באגריסן אלע חשובע חבירים וואס זענען זיך היינט צוזאמגעקומען צו די מסיבה, וואס איז נוגע אויפצובויען און ענדיגען די שול מיט די מקוה. איך וויל באדאנקען די אלע עסקנים וואס האבען שוין אוועקגעגעבן חדשים מיט יארן, זייט זיי האבען אנגעהויבן צו טון דערין, זיי האבען אוועקגעגעבן ימים ולילות דאס אוועק צושטעלן. איך האב אן הכרת הטוב פאר יעדן איינעם וואס זיצט דא יעצט, פאר די אלע וואס האבען ביז יעצט געגעבן, און די אלע וואס וועלן משלים זיין צו געבן. דער באשעפער זאל זיי בענטשען, אז זיי זאלן האבען ברכה און הצלחה אין וואס זיי טוען.

**די** וואך איז פרשת יתרו, די פרשה פון מתן תורה, די פסוק (שמות כד-ז) זאגט, אז ווען משה רבינו איז געקומען אנטראגען די תורה פאר יודען, האבען זיי געזאגט, כל אשר דבר ה', וואס דער אייבערשטער וועט רעדן, נעשה, וועלן מיר טון, ונשמע, און מיר וועלן הערן. אין מדרש (תנא דבי אליהו רבה פרק יז) שטייט, אז ווען יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה (שמות כה-ב), אז מען זאל צוזאמנעמען געלט פון יודען, אויפצובויען א משכן פארן אייבערשטען.

**וואס** אין פשוטע פירוש המילות, **אז מען וויל מקיים זיין די תורה, וואס יודען האבען געזאגט דערויף נעשה ונשמע, דארף מען האבען דערפאר א בית ה', וואס דארטן זאל מען קענען דינען דעם אייבערשטען, דארט זאל א מענטש באקומען זיין חיזוק און עידוד פארן טאג טעגליכן לעבן. קיום התורה קען זיך נישט האלטען, אנדעם וואס עס איז דא א בית ה', וואס געט שטענדיג די מעגליכקייט צו דינען דעם אייבערשטען.** ווען יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, אז זיי זענען גרייט מקבל צו זיין די תורה, מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה, מען מוז תיכף צוזאמשטעלן געלט, ווייל מען דארף האבען א בית ה', ווי יודען זאלן זיך קענען אויסבעטען פארן אייבערשטען, ער זאל האבען א שטוב, ווי ער זאל קענען אריינגיין, און מתפלל זיין פארן באשעפער.

**עס** קען אפשר זיין נאך אן ענין, וואס איז די שייכות פון די צוויי זאכען. יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, און חז"ל (שבת פח.) זענען מפליא די מדריגה פון יודען, אז זיי האבען מקדים געווען די עשיה פאר די שמיעה. 'נעשה' מיר וועלן טון,

'ונשמע' און מיר ווילן הערן. עס א לשון וואס מלאכי השרת משתמשין בו, מלאכים רעדן אזוי, און נישט מענטשען. און דער אייבערשטער האט מפליא געווען, מי גילה רז זה לבני, ווער האט מגלה געווען דעם סוד פאר מיינע קינדער, אז זיי האבען געזאגט נעשה פאר נשמע.

**וואס** מיינט דאס, אז זיי האבען געזאגט נעשה פאר נשמע. די פשוטע פירוש המילות איז, איינער גייט צו צום חבר, און ער זאגט אים, איך בעהט פון דיר א טובה, קענסטו מיר טון א געוויסע זאך. זאגט אים דער חבר, לאמיר הערן וואס דו דארפסט, וועל איך זעהן צו איך קען עס דיר טון. אבער ווען זיין טאטע בעהט פון אים עפעס, אדער ווען זיין מאמע בעהט פון אים עפעס, זיי זאגען פארן קינד, משה, איך דארף עפעס. זאגט דאס קינד, טאטע, וואס דו דארפסט, וועל איך דיר טון, זאג מיר נאר וואס דו דארפסט. פארן חבר זאגט ער נישט, וואס דו וועסט בעטן וועל איך טון, נאר איך וועל זעהן. אויב עס איז א גרינגע זאך וועל איך עס טון, אבער אויב עס וועט זיין א שווערע זאך וועט ער זיך מיישב זיין, און ער וועט עס נישט טון.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, איך וויל געבן די תורה פאר יודען. האבען יודען נישט געענטפערט, לאמיר קודם הערן וואס די תורה איז, וואס וויל מען פון אונז, און נאכדעם ווילן מיר זאגען, צו מיר זענען עס גרייט צו טון. נאר יודען האבען געזאגט, דער רבונו של עולם בעהט פון אונז, אז מיר זאלן עפעס טון פאר אים, כל אשר דבר ה' נעשה, וואס דער אייבערשטער וועט פארלאנגען, זענען מיר גרייט צו טון, און נאכדעם ווילן מיר הערן וואס דער אייבערשטער בעהט פון אונז.

**יודען** האבען געהאט א נאנטקייט צום רבונו של עולם, אז מען האט מקבל געווען אויף זיך נעשה, מיר זענען גרייט צו טון אלעס וואס דער אייבערשטער בעהט. מיר ווייסען נאר נישט וואס דער אייבערשטער בעהט, ונשמע, מוזן מיר הערן. נישט ווי מען בעהט א טובה פון א פרעמדע מענטש, וואס ער זאגט קודם נשמע, קודם וויל איך הערן וואס דו פארלאנגסט, און נאכדעם נעשה, ווילן מיר זעהן וואס צו טון. נאר יודען האבען ארויסגעוויזען א מדריגה וואס מלאכים האבען. וכולם עושים באימה וביראה רצון קונם, ווען דער אייבערשטער בעהט פון א מלאך אז ער זאל עפעס טון, שטייט ער גרייט צו טון די רצון פונעם אייבערשטען. ער איז גרייט אויף 'נעשה', וואס מען וועט אים הייסען טון וועט ער טון, 'ונשמע', נאכדעם הערט ער וואס דער רבונו של עולם בעהט פון אים. אבער די הארץ איז דא אויף נעשה, זיי זענען אלעס גרייט צו טון.

**ובאו** כולם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד (זמר יום שבתון), שטייט פונעם ערשטען **בעלזער רב זי"ע**, ווי אזוי א יוד פירט זיך אויף די וועלט, אזוי פירט זיך אויך דער אייבערשטער מיט אים. במדה שאדם מודד מודדין לו (סוטה ט.), מיט די מדה וואס א מענטש פירט זיך, פירט זיך דער אייבערשטער אויך מיט אים. ווען יודען האבען געזאגט, מיר זענען גרייט צו טון, נאך בעפאר מיר הערן וואס מען פארלאנגט, האט דער באשעפער געזאגט, אז איר זאגט אזוי, וועל איך מיך אויך פירן אין די זעלבע מדה, והיה טרם יקראו ואני אענה, עוד הם מדברים ואני אשמע (ישעיה סה-כד). איר זאגט נעשה, מיר ווילן טון פאר מען הערט, וועל איך אויך אזוי טון צו ענק, איך וועל נישט ווארטען צו הערן וואס ענקער בקשה איז, נאר איך וועל טון פאר ענק נאך בעפאר איך וועל הערן. ווען א יוד איז זוכה, איז נאך בעפאר ער שטעלט זיך דאווענען, איז שוין ארויסגעגעבן געווארן די פקודה פונעם אייבערשטען, אז מען זאל טון וואס ער וועט שפעטער פארלאנגען.

**'ובאו** כולם בברית יחד', ווען יודען זענען געקומען אין א ברית מיטן אייבערשטען, 'נעשה ונשמע אמרו כאחד', יודען אינאיינעם מיטן רבונו של עולם האבען געזאגט נעשה ונשמע. ווען א יוד זאגט נעשה ונשמע, אז ער איז גרייט צו טון, אפילו ער הערט נאך נישט וואס ער דארף טון. זאגט דער רבונו של עולם אויך דאס זעלבע, אז טאמיר איר וועט עפעס פארלאנגען פון מיר, וועל איך נישט ווארטען ביז איר וועט בעטן, נאר איך וועל עס נאך געבן פארדעם.

**עס** איז היינט געווען חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות, היינט פאנגט זיך אן א נייע יאר פאר

די פירות האילן. די רעגן וואס געבט די חיות פארן בוים, ווערט אנגעפילט במשך פונעם ווינטער ביז חודש שבט, און חודש שבט קומט אריין די שרף באילנות, און די פירות וואס וואקסען ארויס שפעטער, איז דורך די כח פונעם רעגן וואס איז געווען א גאנצע יאר פאר דעם. - ראש השנה לאילנות איז נישט נאר א ראש השנה פאר די ביימער, נאר כי האדם עץ השדה (דברים כ-יט), עס איז ביי אונז אויך א יומא דפגרא, על פי שלחן ערוך (או"ח קלא-ו) זאגט מען נישט קיין תחנון אין חמשה עשר בשבט, ווייל דער מענטש איז דומה לאילן, כי האדם עץ השדה. אין חמשה עשר בשבט איז אויך דא ביי א מענטש, א געוויסע בחינה פון ראש השנה.

**כתפוח** בעצי היער כן דודי בין הבנים (שיר ב-ג), יודען זענען נמשל לתפוח (שבת פח.). און תוספות (שם) זאגט, אז תפוח מיינט נישט א עפל, נאר מען מיינט א אתרוג, מיר זענען דומה צו א אתרוג. וואס איז די חילוק צווישן א אתרוג בוים, און אלע אנדערע ביימער. אתרוג האט אין זיך א מעלה וואס איז נישט דא אין אלע אנדערע ביימער. יעדער בוים זאגט די גמרא (שם), קומט קודם ארויס די בלעטל, און נאכדעם קומט ארויס די פרי, אבער א אתרוג איז נישט אזוי, אתרוג איז דר באילנו משנה לשנה, א גאנצן ווינטער בלייבט דער אתרוג אויפן בוים, און בלעטער איז נישטא, די קומענדיגע יאר קומען ארויס די בלעטער, איז קודם געווען די פרי, און נאכדעם די בלעטל.

**און** די גמרא איז מדמה, אז נעשה ונשמע וואס יודען האבען געזאגט, איז אויך די זעלבע. געווענליך זאגט מען נשמע, און נאכדעם נעשה. קודם קומט די בלעטל, און נאכדעם קומט די פרי. און יודען האבען מהפך געווען, יודען זענען אזוי ווי דער אתרוג בוים, אז עס איז קודם דא די פרי, און נאכדעם איז דא די בלעטל דערויף. וואס מיינט עס, אז אלע פירות איז קודם דא די בלעטל, און ביי א אתרוג קומט דאס בלעטל שפעטער, און דאס איז די סימבאל פון יודען, אז יודען זענען אזוי ווי אן אתרוג.

**א** בלעטל אויף א בוים, איז געמאכט געווארן צו שיצן די פרי. עס קומט רעגן, עס קומען ווינטן, עס קומט שלג סופה וסערה, האט דער אייבערשטער געמאכט א היטער פאר די פרי, די בלעטער נעמען ארום די פרי, כדי זיי זאלן נישט שעדיגען די פרי. א בוים געבט נישט ארויס פירות, ביז ער איז נישט באווארנט קודם, אז ער האט א בלעטל, וואס וועט אים באשיצן. ווייל טאמער ער וועט נישט האבען די בלעטל וואס וועט אים שיצן, איז א שאד ארויסצוגעבן די פירות. ער וויל זיין פארזיכערט, אז ווען ער געבט ארויס די פרי, וועט גארנישט שאדן דערפאר. - און אזוי זענען אומות העולם, אזוי לעבט די גשמיות'דיגע וועלט, א מענטש וועט קיינמאל נישט טון א זאך, ביז ער איז נישט קודם פארזיכערט, אז וואס איך גיי טון, וועט נישט שאדן פאר מיר, און איך וועל נישט האבען קיין שאדען דערפון. ווען ער זעהט אז אלעס ארום און ארום איז באשיצט, דעמאלטס טוט ער עס.

**כנסת** ישראל איז דומה צו אן אתרוג, אן אתרוג ווייזט אויף א צדיק, אן אתרוג האט א טעם און א ריח. אן אתרוג איז נישט אזוי, א אתרוג געבט ארויס פירות, צו ער האט יא א בלעטל, צו ער האט נישט א בלעטל. צו ער האט זיך באווארנט פארדעם צו נישט, ער געבט ארויס זיינע פירות, און ער שטייט אויפן בוים זומער און ווינטער, קאלטע סעזאנען און ווארעמע סעזאנען, ער איז שטענדיג גרייט.

**ווען** יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, מיר זענען גרייט צו טון, אפילו מיר ווייסען נאכנישט ווי אזוי. האט דער אייבערשטער געזאגט, כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים, איר זענט דומה אזוי ווי דער אתרוג. דער אתרוג איז נישט אזוי ווי אלע אנדערע ביימער, וואס ווילן קודם וויסען צו ער איז ארומגענומען, צו ער האט אלעס וואס ער דארף, און נאכדעם וועט ער ארויסגעבן די פרי. נאר מיר געבן ארויס אונזערע פירות, און מיר פארלאזן זיך אויפן אייבערשטער. דאס איז די דמיון צום נעשה ונשמע וואס יודען האבען געזאגט ביי מתן תורה. - און אזוי פירט זיך דער רבונו של עולם. **ווען א מענטש פארזיכערט זיך נישט אויף זיך אליין, ווי אזוי ער וועט דאס קענען אדורכפירן, נאר ער שפרינגט אריין, און ער טוט זאכן, און ער פארלאזט זיך אויפן רבונו של עולם, וואס האט געהייסען טון, פירט זיך דער רבונו של עולם אויך מיט אים אין די**

**מדה, און דער רבונו של עולם וועט אים העלפען, און ער וועט אים באצאלען.**

**און** ביי צדקה שטייט עס בפירוש אין פסוק, נתן תתן לו, ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידיך (דברים טו-י). עס איז נישט דא א גרעסערע זאך, וואס א מענטש נעמט אוועק פון זיך, און עס קוקט אויס ווי ער פארלירט, ווי נעמען געלט און עס אוועקגעבן פאר א צווייטען. וויפיל וואכען און חדשים נעמט ביז מען שטעלט צוזאם דאס געלט, ער ארבעט א גאנצע צייט כדי ער זאל פארדינען געלט, און נאכדעם נעמט ער דאס געלט, און ער איז עס מפסיד, און ער גיט עס אוועק. אויסנווייניג איז נישט דא נאך אזא הפסד וואס א מענטש מאכט פאר זיך, ווי אוועקגעבן געלט פאר א צווייטען. און דער רבונו של עולם זאגט, אז מען זאל געבן צדקה. **און ווען א יוד טוט אזוי, ער גיט אוועק געלט אן א חשבון, ער גיט אוועק זיין געלט וואס ער האט זיך געפלאגט דערויף, זאגט דער אייבערשטער, אז דו געבסט פאר מיר אן א חשבון, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך.** ווען א מענטש זאגט נעשה פאר נשמע, ער איז גרייט אוועקצוגעבן אן א חשבון, זאגט דער רבונו של עולם, איך וועל עס דיר צוריקבאצאלן.

**עס** איז נישט דא נאך איינער וואס זעהט אזוי השגחת ה', ווי א מענטש וואס איז אין ביזנעס. א פשוט'ער יוד, זענען זיינע השגות נישט גרויס, זיין פארדינסט איז נישט אזוי גרויס, און זיין פארלוסט איז נישט אזוי גרויס. די אינוועסטמענט וואס ער מאכט איז א קליינע אינוועסטמענט, און ווען ער פארלירט, פארלירט ער ווייניג. און ווען ער פארדינט, פארדינט ער ווייניג. אבער אן עושר, וואס לייגט אריין אסאך געלט אין ביזנעס, טאמער ער פארדינט נישט, איז זיין שאדען אן אויסערגעוועגליכע שאדן. און אסאך מאל איז די שאדן נישט נאר אין די געלט וואס ער האט אריינגעלייגט, נאר עס שלעפט אים אריין, און ער פארלירט אויך אסאך אנדערע זאכען, פון איין אינוועסטמענט וואס ער האט נישט גוט געמאכט. און אלעס איז תלוי אין די הענט פונעם אייבערשטען, דער באשעפער קען דאך מאכען די זעלבע זאך, אז עס זאל זיין א ברכה אין וואס דו טוסט, און דו זאלסט פארדינען. אין וואס ווענט זיך די ברכה? ווי אזוי א יוד גיט פאר א צווייטען. ווען דו געבסט אוועק פארן רבונו של עולם, **ווען דו געבסט פארן אייבערשטענ'ס שטוב, און דו זאגסט צו פארן באשעפער אן א חשבון. דער אייבערשטער האט געהייסען געבן, און איך געב, און איך וועל נאכדעם מאכען די חשבונות ווי אזוי איך וועל זיך מסדר זיין. 'נעשה ונשמע אמרו כאחד', זאגט דער רבונו של עולם, איך וועל אויך טון פאר דיר די זעלבע. ווען דו וועסט דארפן האבען מיין הצלחה, וועסטו קענען אריינשפרינגען אין א זאך, און איך וועל דיר שיקען הצלחה אין די זאך וואס דו ביסט אריינגעגאנגען.**

**ווען** דער אייבערשטער האט געזאגט, מען זאל געבן א תרומה צו בויען די משכן, האט דער אייבערשטער נישט געזאגט, 'ויתנו' לי תרומה, געב מיר א תרומה, נאר 'ויקחו' לי תרומה. איר נעמט. מען געבט נישט פארן אייבערשטען, דער אייבערשטער האט אלעס, לי הכסף ולי הזהב נאום ה' (חגי ב-ח). ווען מיר געבן אוועק פארן אייבערשטען, נעמען מיר. ווייל דער אייבערשטער זאגט אונז צו, אז ער וועט אונז בענטשען, פאר דעם וואס מיר געבן אים אוועק. ויקחו לי תרומה, וואס דו ווילסט געבן א תרומה פארן בית ה', 'ויקחו' לי תרומה, האסטו גענומען.

**ווי** אזוי איז מען זוכה, אז ווען מען געבט אוועק, זאל מען קענען נעמען, עס איז דאך היפך פונעם סדר. בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, ווען יודען האבען געזאגט 'נעשה ונשמע', דו פירסט זיך אז דו זאגסט נעשה פאר נשמע, איך בין גרייט צו טון וואס דער רבונו של עולם בעהט, און נאכדעם וועל איך הערן וואס דער אייבערשטער בעהט, איך בין גרייט צו טון אפילו אן א חשבון. מיד אמר הקב"ה, האט דער אייבערשטער געזאגט, ויקחו לי תרומה, עס איז נישט נאר, אז איר וועט געבן פאר מיר א תרומה, נאר 'ויקחו' לי תרומה, איר וועט נעמען א תרומה.

**ווען א יוד געבט פאר צדקה, דארף ער עס אנקוקען אז עס איז א ביזנעס אינוועסטמענט. ווען מען קומט בעטן געלט פאר צדקה, טוט אים אסאך מאל**

ווי, אז ער נעמט זיין געלט און ער געבט עס אוועק. אבער ווען מען קומט אים אנטראגען אן אינוועסטמענט, אז ער זאל איינשטעקן געלט אין א געשעפט, און ער האלט אז עס איז א גוט געשעפט, נעמט ער ארויס טויזענטער דאלארן בחפץ לב, און ער געבט עס מיט א סבר פנים יפות, און ער פריידט זיך, אז מען נעמט אים אריין אז ער זאל ווערן א שותף, און ער וועט בארגען געלט אויף זיין קרעדיט קארד, אז ער זאל קענען מאכען דעם אינוועסטמענט. ווען א יוד גלייבט אז צדקה וואס ער געבט פארן אייבערשטען, איז אן אינוועסטמענט וואס ער טוט פארן רבונו של עולם, און דער אייבערשטער וועט עס אים צוריקבאצאלן, עס איז 'ויקחו' לי תרומה, טוט אים נישט וויי אז ער געבט די תרומה. ולא ירע לבבך בתתך לו, עס דארף דיר נישט וויי טון ווען דו געבסט עס. ווען דו נעמסט ארויס געלט, און דו געבסט עס אוועק פאר אן אינוועסטמענט, טוט עס דיר נישט וויי, ווייל דו ווייסט אז דו וועסט פארדינען דערויף. כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך, דער אייבערשטער וועט דיר אויך בענטשען. ווען דו געבסט געלט פאר צדקה, איז עס אן אינוועסטמענט, וואס דו טוסט פארן רבונו של עולם.

**מען** זאגט יעדען טאג פאר הודו, דעם קאפיטל פון ה' מי יגור באהלך (תהלים טו-א), ווער קען וואוינען אינעם אוהל פונעם אייבערשטען. און ער רעכנט אויס פארשידענע מעלות, און איינס דערפון איז, כספו לא נתן בנשך, זיין געלט האט ער נישט אוועקגעגעבן אויף רבית. מען טאר נישט נעמען נשך ותרבית (ויקרא כה-לו), כספו לא נתן בנשך, ער געבט נישט אוועק זיין געלט אויף רבית, עושה אלה לא ימוט לעולם. מיט געלט איז דא אסאך מצות וואס מען קען מקיים זיין, פארוואס האט ער ארויסגעברענגט די מצוה, פון כספו לא נתן בנשך.

**לויט** דעם וואס מען האט גערעדט, מיין איך אז דער פשט דערפון איז, אמאל איז דא וואס מען קומט בעטן געלט פאר צדקה, ער גיט טאקע צדקה, אבער עס קומט מיט א שטאך, עס טוט אים וויי, אז מען האט גענומען פון אים געלט. מען האט אים געקארנער"ט, ער איז געווען געצווינגען אז ער האט געדארפט געבן, ער האט נישט געקענט אפזאגען, און עס טוט אים וויי אז ער האט געגעבן. איז א סימן אז עס פעלט אים אין די אמונה, צו גלייבען אז וואס דו געבסט, באקומסטו צוריק פונעם אייבערשטען. אז נישט וואלט עס דיר נישט געדארפט שטעכן, און עס וואלט דיר נישט געדארפט וויי טון.

**'מי** יגור באהלך, מי ישכון בהר קדשך', ווער וואוינט אינעם אהל פונעם אייבערשטען, ווער קען רוען אינעם משכן ה'. ווען 'כספו', זיין געלט וואס ער געבט פאר צדקה, 'לא נתן בנשך', האט ער נישט געגעבן מיט א ווייטאג. עס איז אים נישט קיין שטאך אין הארץ, בשעת ער גיט עס אוועק. עושה אלה לא ימוט לעולם, דער וועט קיינמאל נישט פארלירן. ווען א מענטש גיט אוועק פארן באשעפער, באצאלט אים דער אייבערשטער.

*

**מען** זיצט ביי א מסיבה לטובת די שול. מען זאל צוריק גיין מיט יארן צוריק, בשעת איך בין געקומען דא אויף וויען, זעהט די שול גארנישט אויס אנדערש, פון וואס עס האט אויסגעקוקט דעמאלטס, עס איז כמעט נישט אריינגעלייגט געווארן געלט אין די שול. איין זאך איז געטוישט געווארן, אז די פלאר איז נישט שייף, און פון די אלטע בענקלעך האט מען געלייגט נייע בענקלעך. אבער אינעם סטראקטשע"ר פונעם שול, איז נישט געטוישט געווארן, פון ווען מען האט עס געבויט. איך ווייס נישט צו עס איז דא נאך א שול אין די גאנצע שטאט, וואס מען דאווענט אויף איין פלאץ זיבעציג יאר, און עס קוקט אויס די זעלבע אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט דעמאלטס. און טאמער איז יא דא, קען מען עס ציילען. אין אלע קהלות איז עס איבערגעבויט געווארן, מען דערקענט שוין גארנישט ווען מען טרעט אריין, אז עס קוקט אויס די זעלבע.

**איך** דארף נישט פארשטעלן פאר ענק דאס פלאץ, יעדער איינער ווייסט, אז עס איז אן ערליך בית המדרש, און א חשוב'ע בית המדרש. א פלאץ פאר מבקשים וואס זענען צמאים צו הערן דבר ה', טרעפן זייער פלאץ ביי אונז אין די שול. עס איז א פלאץ פון הרבצת התורה אזויפיל יארן, אזויפיל מיליאנען תפלות איז שוין אדורך געגאנגען אין דעם מקום, וואס איז נתקדש געווארן נישט פונעם

נייעם דור, נאר פון אונזערע טאטעס און זיידעס און עלטער זיידעס, וואס האבען מיטגעמאכט די אלע צרות. און ווי אזוי זייערע תפלות האבען אויסגעקוקט, דארף מען נישט זאגען, הלואי זאלן מיר קענען דאווענען יום כיפור מיט אזא צובראכען הארץ וואס די יודען האבען געהאט בשעת מען האט געבויט די שול. **עס איז א מקום וואס איז נתקדש געווארן מיט אזויפיל תפלות פון כלל ישראל, און פון די גרויסע צדיקים וואס האבען געדאווענט ביי אונז אין די שול.**

**מען דארף עס האלטן פאר א זכיה, אז מען קען דעם שול אביסל שטעלן אויפן פלאץ, און עס ווייטער אויפבויען, און קענען צושטעלן די מקוה מיט די זייטיגע שטיבלעך וואס מען דארף האבען דערצו, און ממשיך זיין אז עס זאל זיין א מקום תורה. - יעדער ווייסט, אז זיין שטוב קוקט נישט אויס, אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט פאר זיבעציג יאר צוריק. ניטאמאל וואלט מען אריינגעטרעטן היינט אין אזא מקום. און א שול, דער בית ה', קומט זיך נישט, אז עס זאל זיין ערגער ווי אונזערע שטובער.** עס איז א געוואלדיגע זכות פאר די אלע וואס נעמען א חלק, און זענען זיך משתתף דערצו. דער אייבערשטער זאל העלפען, אז ביז משיח וועט קומען וועט עס זיין א פלאץ ווי יודישע קינדער וועלן דאווענען, און מען וועט קענען ווייטער משמיע זיין, און מרביץ תורה זיין.

**ווי** אזוי די מקוה האט אמאל אויסגעקוקט דארף איך אויך נישט אראפלייגען. אפילו פאר א ציבור פון דרייסיג מענטשען, איז עס נישט געווען גהעריג. און ווער רעדט נאך פון א ציבור פון הונדערטער יודען וואס גייען אדורך, עס איז א געוואלדיגע זכות פאר די אלע וואס נעמען א חלק עס אויפצובויען. - מען זעהט היינט, אז די עלטערע דור איז לאנג מאריך ימים. אמאל האט מען ביי זעכציג יאר שוין געהייסען אן אלטער יוד, היינט איז ב"ה דא יודען פון אכציג און ניינציג, און עלטער. ווען מען וועט פרעגן פארוואס, וועט מען זאגען אז עס האט זיך געטוישט די וועלט, עס איז היינט דא מער רפואות, מען וועט אלעס מסביר זיין אין גשמיות'דיגע אופנים, און מן הסתם איז א חלק דערפון אמת. אבער איך מיין אז עס איז דא נאך איין טעם, וואס איך בין נתעורר געווארן יעצט ווען מען האט געלערנט מסכת ברכות (במסגרת חבורת 'ובהם נהגה')**.**

**די** גמרא (ברכות כב.) זאגט אויף טבילת עזרא, אז מען האט מקיל געווען אין די טבילה. אבער כל המחמיר בה מאריכין לו ימיו ושנותיו, ווען א מענטש איז מחמיר אין די טבילה, האט ער אריכת ימים ושנים. אמאל איז געווען זייער שווער צו גיין אין מקוה, עס איז געווען א מסירת נפש פאר א יוד פאר די קריג צו גיין אין א מקוה. די מקוואות זענען געווען קאלטע מקוואות, מען האט נישט געווארימט די מקוה א גאנצע וואך אין קיין איינע פון די קהלות, און עס איז נישט געווען קיין שום ווארימע מקוה. ערב שבת האט מען עס געווארעמט, אז עס זאל זיין אביסל ווילער, אבער אויסער דעם איז געווען קאלטע מקוואות, און מען האט געדארפט גיין אין טייך וכדומה, און עס איז געווען א מסירת נפש וואס נישט יעדער האט געקענט באוויזען. און וועגן דעם שטייט אין די פוסקים, אז בטלוה לטבילותא. ווען מען האט געזען די שוועריקייטן וואס איז דא דערין, האט מען עס מבטל געווען.

**ב"ה** היינט אז עס איז יא דא מקוואות אין יעדע ווינקעל, און יעדער איז היינט מחמיר אין טבילה, און נישט נאר אויף טבילת עזרא, נאר מען גייט יעדן טאג אין מקוה, איז עס א בפירוש'דיגע גמרא, אז ווען מען איז מחמיר אין טבילת עזרא, איז מאריכין לו ימיו ושנותיו. און די סגולה האט מען נישט געהאט אמאל, עס איז געווען א געוואלדיגע מסירת נפש אז מען זאל גיין אין מקוה. - **צו גיין אין מקוה ברענגט אריכת ימים ושנים, און איינער וואס שטעלט צו אז מען זאל קענען גיין אין מקוה, האט ער זכות פון מאריך ימים ושנים זיין פאר א ציבור פון יודען. ער האט א זכות אז ער העלפט פאר אנדערע צו האבען אריכת ימים, אויסער דעם וואס ער גייט אליין.** - דער פסוק (משלי ג-טז) זאגט, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, און די גמרא (שבת סג.) זאגט, אז ווי עס שטייט אורך ימים, איז כל שכן עושר וכבוד. בשמאלה איז דא נאר עושר וכבוד, אבער בימינה איז אורך ימים, און כל שכן עושר וכבוד. **קומט אויס, אז עס האט א ברכה נישט נאר אויף אורך ימים, נאר עס האט א ברכה**

אויף עושר וכבוד אויך. איז זיכער אז די אלע וואס געבן צו שטייער, און זיי העלפען דערצו, אז זיי זענען נכלל אין די ברכה.

**מען** ווייסט אז די קהלה איז לעצטענס אדורכגעגאנגען א שווערע זמן אין געלט זאכען, און די קהלה איז קיינמאל נישט געשטאנען אזוי שווער ווי עס שטייט היינט, איך וועל נישט אריינגיין אין א אריכות, אבער דאס איז די מציאות. מען האט אמאל נישט געדארפט בעטן ביי אונז אזויפיל געלט פונעם עולם, און מען האט טאקע נישט געבעטן, און מען האט נישט געגעבן, מען האט זיך פארלאזט אויף די פלעצער ווי אזוי עס וועט זיך קענען אלעס דעקן. און דער קוואל האט זיך כמעט אויסגעלאזט, און וואס מיר טוען היינט, איז אלעס מיט די אייגענע כוחות. און איך קוק אסאך מאל אן, אזוי ווי חוץ לדרך הטבע, **אז זייט עס איז געווארן די שוואכקייט אין געלט ביי אונז אין די קהלה, האט אנגעהויבן די רוחניות צו בליען אויף אן אויסערגעוועגליכע פארנעם. די יונגעלייט ביי אונז אין מאנסי בויען יעצט א בית המדרש**, און קיין פרוטה וואס זיי זאלן האבען פון ערגעץ אנדערש. **מען גייט יעצט דארט עפענען א מיידעל שולע. מען גייט יעצט עפענען דארט א ישיבה קטנה.** און אלעס ציהט אריין אין גרויסע געלטער. די מתיבתא ביי אונז, **די ישיבה קטנה איז פול, און מען האט געדארפט צובויען. מען האט געדארפט יעצט צובויען א פרישע בנין אין קעמפ**, וואס מען האט שוין לאנג נישט געבויט דארט א פלאץ פאר די בחורים, ווי זיי זאלען קענען זיין. **מען גייט אי"ה עפענען א ישיבה גדולה אויפן קומענדיגען זמן. די מיידעל שולע אין וויליאמסבורג האט יעצט אפגעקויפט א קעמפ**, וואס מען גייט בעז"ה עפענען אויף דעם יאר. **מען האלט אינמיטן בויען א מיידעל שולע אין וויליאמסבורג פאר צוועלף מיליאן דאלער.** און אלעס אין א צייט וואס האט זיך ביי אונז אויפגעהערט די קוועלער פון געלט וואס מען האט געהאט, און יעצט הייבט עס אן צו בליען. עס איז א יד ה'. **דער רבונו של עולם וויל ווייזען, אז מיר האבען די כוחות, און מיר קענען.** לי הכסף ולי הזהב נאום ה' (חגי ב-ח), אלעס איז פונעם רבונו של עולם, **און ווען א יוד העלפט פארן אייבערשטען, וועט דער אייבערשטער צוריק ברענגען די השפעה פאר אונז אליין, אז מיר זאלן קענען אליין זיין די נגידים, און אליין אויסהאלטן אלעס וואס מיר דארפן האבען.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, וחפץ ה' יצליח, אז מיר זאלן קענען ווייטער זוכה זיין להגדיל תורה ולהאדירה, דער באשעפער זאל בענטשן די אלע וואס נעמען א חלק דערין, מיט שפע ברכה און הצלחה, און אלעס וואס זיי דארפן האבען. מען זאל קענען מגדל זיין ערליכע קינדער, און ערליכע יודישע דורות, עס טוט דאך ווי צו הערן, וואס מען הערט זיך היינט צוזאם, אבער ווען א יוד טוט פארן אייבערשטען'ס וועגן, איז זיכער אז עס איז דא א סגולה דערין, אז מען זאל קענען האבען ערליכע יודישע דורות, און ווייטער ממשיך זיין דעם דרך ישראל סבא. דער אייבערשטער זאל אונז צושיקן ברכה און הצלחה אין אלעס וואס מען טוט, און מיר זאלן זוכה זיין לקיבוץ נדחי ישראל, דער אייבערשטער זאל אונז שוין אלע צוזאם נעמען, און קענען ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און מיטנעמען די אלע הייליגע פלעצער פון חוץ לארץ, עס איז דאך עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל (מגילה כט:), עס איז נישט אן אינוועסטמענט וואס מען מאכט נאר פאר דא, און ווען משיח וועט קומען וועט עס אונטערגיין, נאר ווען משיח וועט קומען, וועט מען עס מיטנעמען צוזאמען, זאלן מיר זוכה זיין ונזכה ונחיה ונראה, מיר זאלן צוזאמען אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הסעודה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יעקב דוד ווייס** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **בערל האך** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של ש"ב **הרב יואל זילבערשטיין** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים בבית חותנו שליט"א.

*

***יום חמישי פרשת יתרו***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואד, והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש אלכסנדר. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יעקב שאלאמאן** הי"ו. **רבינו**

**שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם עם חותן משה לפני האלקים (שמות יח-יב), אהרן מיט די זקני ישראל זענען געקומען עסן א סעודה צוזאמען מיט יתרו. אין די מפרשים (רבינו בחיי בפרשתנו) שטייט, אז די סעודה איז געווען א סעודת ברית מילה. אויף די פסוק (שמות יח-ט) ויחד יתרו, איז דא א דעה אין די גמרא (סנהדרין צד.) שהעביר חרב חדה על בשרו, יתרו האט זיך דעמאלטס מגייר געווען, און ער האט זיך געמל'ט, און א גר דארף האבען מילה וטבילה (יבמות מו.). און אז עס איז געווען א ברית מילה, דארף זיין נאכדעם א סעודה. און צו די סעודה איז געקומען אהרן מיט די זקני ישראל לאכל לחם עם חותן משה, צו עסן די סעודה מיט יתרו.

**איך** בין געווען די וואך אין קאליפארניע, איז געווען דארט איינער פון די 'קדם' ברודער'ס, פרעגט ער מיך, פארוואס שטייט נאר אז מען האט געגעסן ברויט צוזאמען מיט יתרו, און עס שטייט נישט אז מען האט אויך געטרינקען וויין. מען געפונט אז מלכי צדק מלך שלם, הוציא לחם ויין (בראשית יד-יח), עס איז געווען לחם, און עס איז געווען יין. און פארוואס שטייט דא נאר אין פסוק ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם, און די תורה דערמאנט נישט, אז מען האט געגעבן צו טרינקען וויין. א פיינע קשיא.

**איך** האב געטראכט, אז עס שטייט אין **פנים יפות** (בפרשתנו), יודען זענען געווען אין מדבר, און די לחם וואס מען האט געגעסן איז געווען לחם מן השמים, מן. לחם אבירים (תהלים עח-כה), לחם שמלאכי השרת אוכלים (יומא עה:). יתרו איז געקומען אין מדבר, און מען דארף דאך עסן אין מדבר, און ער האט נישט געוואוסט אז עס פאלט מן אינעם מדבר פאר יודען, האט ער געבאקען ביי זיך אינדערהיים לחם, און ער האט עס מיטגעברענגט מיט זיך.

**די** ברויט וואס ער האט געבאקען איז געווען פת עכו"ם. יתרו האט געקענט עסן, אבער אהרן מיט די זקני ישראל האבען נישט געגעסן פת עכו"ם, אפילו פת פלטר האבען זיי אויך נישט געגעסן. עס שטייט אבער אין שלחן ערוך (או"ח קסח-ה), אז ווען א מענטש באקומט א גאסט, און ער איז נזהר אז ער עסט נישט קיין פת עכו"ם, אבער זיין גאסט איז נישט נזהר, און זיין אורח עסט פת עכו"ם, איז די הלכה אז צוליב דעם כבוד פונעם אורח, וואס עסט פת עכו"ם, איז מותר פארן בעל הבית מיט צו עסן פת עכו"ם צוזאמען מיטן אורח. א גדר פון הכנסת אורחים, ווען מען נעמט אריין א יוד אין שטוב, זאל דער אורח נישט זיין אנדערש פון אים. דער אורח וועט עסן פת עכו"ם, און ער זאגט, איך מיש זיך נישט מיט דיר. איז די הלכה אז ער מעג עסן מיט אים פת עכו"ם.

**יתרו** איז דעמאלטס נישט געווען נזהר אין פת עכו"ם, און כאטש אהרן וכל זקני ישראל זענען יא געווען נזהר דערין, אבער לכבוד פון א אורח שטייט אין שלחן ערוך, אז מען מעג עסן פת עכו"ם. ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכול לחם עם חותן משה, מיט דעם לחם וואס יתרו חותן משה, האט מיטגעברענגט מיט זיך, זענען זיי געקומען און געגעסן צוזאמען מיט אים.

**זאגט** דער **פנים יפות**, רש"י פרעגט ומשה היכן היה, ווי איז משה רבינו געווען. משה רבינו איז געווען אין אזא הויכע מדריגה, אז ער האט נישט געקענט עסן פת עכו"ם. אפילו עס איז טאקע מותר, און מען מעג, אבער משה רבינו איז דאך ארויפגעגאנגען אין הימל, און ער האט געדארפט ממרק זיין די מאכלים וואס איז געווען בבני מעיו, אז ער זאל קענען רעדן צום אייבערשטען. איז אפילו אהרן מיט די זקני ישראל האבען זיך פארלאזט אויף די קולא, און זיי האבען געגעסן לחם עם חותן משה, אבער משה איז נישט געווען דארט, און ער האט נישט מיטגעגעסן. אזוי שטייט אין **פנים יפות** (ועיין עוד **בשמן ראש** ח"י שמות דף קפ"ה).

**קומט** אויס, אז די לחם וואס מען האט געגעסן איז געווען יתרו'ס לחם, און אז מען וואלט געטרינקען וויין, וואלט עס געדארפט זיין יתרו'ס וויין, און דאס וויין וואס ער האט מיטגעברענגט מיט זיך, איז דאך יין נסך, האט מען נישט געקענט טרונקען קיין יין

מיט יתרו. לחם איז נאר א שאלה פון פת עכו"ם, און פת עכו"ם קען מען מיטעסן צוזאמען מיט יתרו. אבער ווין האבען יודען נישט געהאט אין מדבר, און מן איז נישט געווען קיין ווין, עס שטייט טאקע, אז אזוי ווי דער מן איז נשתנה געווארן צו אלע טעמים, אזוי האט דער בארו של מרים אויך געהאט אין זיך די מעלה, אז ווען מען האט געוואלט טרינקען ווין, האט מען געשפירט א טעם פון ווין, אבער עס איז נישט געווען יין ממש. און יין ממש האט מען נאר געקענט האבען וואס יתרו האט מיט געברענגט, און יתרו'ס ווין האט מען נישט געקענט טרינקען, ווייל עס איז געווען יין נסך. וועגן דעם איז ויבא אהרן לאכל 'לחם' עם חותן משה, ברויט האט מען געקענט עסן מיט יתרו, אבער ווין האט מען נישט געקענט טרינקען מיט יתרו, ווייל עס איז געווען יין נסך.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה והתפלל שם תפלת מנחה. אחר התפלה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר השיעור עברו בחורי הישיבה לקבל פני **רבינו שליט"א**.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **דוד לוי זיכערמאן** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** גירסא דינקותא, עס איז שוין אסאך יארן אדורך פון דעמאלטס.

**בנו הר"ר וואלף:** יא, מיין טאטע ז"ל פלעגט דאווענען ביים **סאמבאטהעלי'ער רב זצ"ל** נאך אין סאוט פינף.

**רבינו:** אייער פאטער פלעגט צו קומען דאווענען אויך אויף בעדפארד עוו., נאכדעם וואס מיר זענען אוועק פון די סאוט'ס.

**הר"ר וואלף:** מיין בר מצוה איז געווען אין די בית המדרש אויף בעדפארד עוו. ער איז אויך געווען מוהל ביי אונז אין די משפחה.

**רבינו:** די ברית'ן זענען פארשריבן אין זיין מוהל ביכל. ווי האט אייער פאטער געלערנט.

**הר"ר וואלף:** ער האט געלערנט אין ווייצען, ביים **מעשה למלך'ס** זון, רבי דוד יהודא. ער איז געווען דארט א בן בית, און ער האט געגעסן דארט שבתים און ימים טובים. ווייצען איז געווען די הויפט שטאט פאר מאשין מצות, ומשם נתפשט אויף גאנץ אונגארן. מיין זיידע האט געהאט א מצה בעקריי אין יארמאט, האב איך אמאל געפרעגט מיין טאטע, איר האט אזוי מקפיד געווען אויף האנד מצות, און געבראקטס, און דו האסט מיר געזאגט, אז דו ביסט געווען פסח ביים רבי'ן, דארט איז דאך געווען מאשין מצות, מיט קניידלעך. האט ער גע'ענטפערט מיט א תמימות. 'דאס איז דאך מיין רבי'.

**רבינו:** איך האב געזען די וואך אין שלחן ערוך (או"ח קסח-ה) אקעגן פת עכו"ם, אז מעיקר הדין מעג מען עסן פת פלטר, אבער עס איז דא וואס זענען מקפיד, און זיי עסן נישט. אבער טאמער א מענטש באקומט א גאסט, און דער גאסט עסט יא פת עכו"ם, אדער ער האט מיט געברענגט זיין ברויט, און ער עסט פת עכו"ם. זאגט דער שלחן ערוך אז אפילו דער בעל הבית עסט נישט קיין פת עכו"ם, מעג דער בעל הבית מיט עסן צוזאמען מיטן אורח, כדי צו געבן א גוטן געפיל פארן אורח. דער **פנים יפות** ברענגט עס צו די וואך, און ער זאגט, ויבא אהרן לאכל לחם עם חותן משה לפני האלקים (שמות יח-יב), די לחם איז געווען מן, אבער יתרו האט מיט געברענגט אייגענע ברויט, ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך אינעם מדבר, און אהרן מיט די זקני ישראל האבען מיטגעגעסן מיטן לחם פון יתרו. זעהט מען, אז ווען מען עסט ביי יענעם, איז דא אנדערע הלכות.

**בנו הר"ר וואלף:** דער **מהרי"ל** (**שו"ת מהרי"ל החדשות** סימן פ"ד) ברענגט פון זיין רבי, רבי שלום (מנוישטאט), אז אמאל האט ער געהאט פת עכו"ם אבער פת לבן, און עס איז אויך געווען דארט פת ישראל אבער פת קיבר, און ער האט געמאכט די המוציא אויף די פת לבן, אפילו עס איז געווען פת עכו"ם, ווייל עס איז מער חביב (עיין בשו"ע או"ח סימן קס"ח סעיף ה').

**א' האבלים:** דער **מונקאטשער רב** ברענגט אין **דברי תורה** (ח"ד אות מה), אז מען זאל נישט מקפיד זיין דארט ווי זיין רבי איז מקיל. די גמרא (סוכה לב:), זאגט, אז רב אחא בריה דרבא האט גענומען ספעציעל א הדס שוטה, הואיל דנפק מפומיה דרב כהנא. א תלמיד האט מקפיד געווען צו נעמען א הדס שוטה, ווייל דער רבי האט אזוי געזאגט. זאגט

דער **מונקאטשער רב**, אז בשעת מען איז ביי א רבי, דארף מען זיך פירן אזוי ווי דער רבי.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת יתרו***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, והגאון המהרש"ג מסעמיהאלי זצ"ל**, שיומא דהילולא חל בשבוע זו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שלמה יעקב ווערצבערגער** הי"ו (בן הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

אחר הקידושא רבא השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יואל האבערפעלד** הי"ו (חתן הר"ר **שמעון יהודא שלעזינגער** ע"ה), שהתקיים בבית חמותו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם.

אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לכבוד הבאווארפען של ש"ב בן הרב **צבי יודא פאללאק** שליט"א (בן גיסו **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א**) שהתקיים בבית המדרש דישיבה קטנה סקווירא.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יצחק גליק** הי"ו, חתן הר"ר **חיים אלטמאן** הי"ו.